# שיחות הראש ישיבה שליט"א

## פרשת ואתחנן שנת תש"פ לפ"ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| **קול ברסלב**<br>**212-444-9191** | **חיזוק פאר די אידישע שטוב**<br>**212-444-9169** |

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| | |
|---|---|
| **אימעיל** | **טעלעפאון מעסידזשינג** |
| chizikyomi@gmail.com | 347-630-2876 |

# תשעה באב אינדערפרי

טו) נאכן זאגן איכה האט דער ראש ישיבה געזאגט: "איך וועל פראבירן נאך איינמאל צו בעטן, אויב מען וועט פאלגן וועט גוט זיין און אז נישט וועט זיך נישט אויסארבעטן די שטעטל"; דער ראש ישיבה האט געזאגט: "איך האב שוין געבעטן אפאר מאל מען זאל אכטונג געבן וויאזוי מען פארט אין די גאסן אין שטעטל מען זאל פארן פארזיכטיג נישט שנעל, היינט אינדערפרי זענען געקומען שכנים גוים צו מיר אין שטוב מיר אויפוועקן מיט טענות היתכן די מענטשן פארן דא נישט געזעצליך מען פארט זייער שנעל עס איז א סכנה".

דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אנגערופן צו צוויי תלמידים וואס העלפן זייער ארויס די מוסד: "אויב איר ווילט מיר העלפן זאלט איר מיר פאלגן, מיט יעדעווארט וואס איך בעט"; איינער פון זיי נעמט צאם גרויסע געלטער פאר די מוסד, האט אים דער ראש ישיבה געזאגט: "דער הצלחה אין שטעטל האט נישט צי טון מיט פאנדרעיזן געלט, די הצלחה אין שטעטל האט צי טון מיט איין זאך, אויב אלע וועלן פאלגן דעם ראש ישיבה וועט זיין א הערליכע שטעטל און אז מען וועט נישט פאלגן מען וועט האלטן מען פארשטייט בעסער וועט נישט זיין קיין הצלחה אין שטעטל".

דערנאך האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט דעם בחור וואס ארבעט זייער געטריי מיט די טראנספארטאציע, ער איז זייער געטריי פאר'ן ראש ישיבה און פאר'ן מוסד - "אויב דו וועסט פארן שנעל, דו וועסט אויפרעגן די שכנים, דו וועסט אויפרעגן די גוים און עס וועט זיין א סכנה פאר די קינדער, דו וועסט נישט פאלגן - וועט נישט זיין קיין הצלחה".

טז) א אינגערמאן האט לעצטנס געפרעגט דעם ראש ישיבה שליט"א, איבער דעם וואס די רעגירונג טיילט גרויסע געלטער צוליב די עקאנאמישע צושטאנד אין לאנד, אויב מ'דארף זיך אנגרייטן פאר א

שווערע בראך וואס גייט חס ושלום נאכפאלגן די גרויסע הרחבה, ווייל דער רבי זאגט (ספר המדות, אות גאוה, סימן ל-לג): "כְּשֶׁבָּא לְךָ אֵיזֶה גַּדְלוּת, תִּדְאַג מִפֻּרְעָנוּת", און ווי עס שטייט אין פסוק (משלי טז, יח) "לִפְנֵי שֶׁבֶר גָּאוֹן", האט דער ראש ישיבה געזאגט אז געלט איז נישט קיין גדלות, דארף מען נישט זיין באזארגט און מען דארף זיך נישט רעכענען אויף א בראך.

יז) דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן נאכ'ן באטע שבת ביינאכט פרשת פנחס: "איך וועל זיך זייער פרייען אויב איך וועל זען מארגן צופרי ביי יעדנ'ס בעט אנגעגרייט נעגל וואסער; נעבן די פלעשלעך ביר... זאל אויך ליגן נעגל וואסער", און דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אנגערופן צו איינעם: "אפשר קענסטו מאכן א ניגון וועגן נעגל וואסער, מ'וועט זאגן אז א געוויסע זינגער האט עס געמאכט!" ווי צו זאגן אז אויב די ניגון וועט זיך הערן זייער מאדנע וועט מען זאגן אז איינער פון די גרויסע באוואוסטע זינגערס האט עס געמאכט, און דער ראש ישיבה איז אריין אין א שמועס איבער די ניגונים וואס קומען היינט ארויס, למשל די ניגון "וועלכע פרשה גייט די וואך?" אדער "גייטס אייך וואשן", "רבותי מיר ווילן בענטשן" און נאך, וואס די קאמפאזירער דערפון האבן גארנישט וואס צו פארקויפן, דערפאר מאכן זיי אזעלכע פוסטע ניגונים, דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר יענעם: "מאך א ניגון פון נעגל וואסער, און מ'וועט זאגן אז איינע פון די גרויסע קאמפאזירער האבן דאס געמאכט"...

## שיחות פון פריערדיגע יארן

יח) דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אין א שמועס דאנערשטאג פרשת בהר שנת תשע"ד: "ווען מיר גייען באזוכן אונזערע זיידעס, קען מען הערן פון זיי אינטערעסאנטע מעשיות וואס זיי האבן מיטגעלעבט אין זייער יוגנט, מעשיות פון די מלחמה, אדער ווי מען האט זיך מוסר נפש געווען אין אמעריקע צו היטן שבת; וואס וועלן די היינטיגע אינגעלייט

קענען דערציילן פאר זייערע אייניקלעך? מיר לעבן היינט אין א צייט וואס עס איז אלץ צוגעשטעלט, מען קען היטן שבת, קיינער מוז נישט ארבעטן שבת; אבער די ברסלב'ע חסידים וועלן האבן וואס צו דערציילן פאר די אייניקלעך ווי מען האט געלערנט אין א ישיבה וואס מען האט דארט אריינגעלייגט יראת שמים אין די בחורים, ווי מען האט זיך מוסר נפש געווען אהין צו גיין לערנען און אזוי ווייטער אלע שוועריקייטן וואס מען האט מיטגעמאכט ווען זיי זענען נתקרב געווארן צום רבי'ן".

יט) איין טאג אינמיטן דעם זומער זמן תשע"ד איז אריינגעקומען א נייער בחור אין ישיבה, דער ראש ישיבה שליט"א האט געבעטן די בחורים זיי זאלן צוגיין געבן שלום און מקרב זיין דעם נייעם בחור, ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט געזען ווי א בחור זעצט זיך אוועק ביי א הויפן ספרים האט זיך דער ראש ישיבה שליט"א אנגערופן צו אים: "עס איז אריינגעקומען א נייער בחור, זיי אים מקרב!". האט דער בחור געזאגט איך האב נישט וואס צו רעדן מיט אים, האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: "דו מוזט טרעפן פון אונטער די ערד וואס צו שמועסן מיט אים, געדענק ווען דו ביזט אריינגעקומען אין ישיבה האב איך צוגעשיקט בחורים זאלן רעדן מיט דיר און דיר מקרב זיין"; האט מען געזען ווי עס גייט בנפשו פונעם ראש ישיבה שליט"א ווי מען קען מקרב זיין נאך א בחור צום רבי'ן, נאך א בחור זאל ווערן אן ערליכער איד.

כ) דער ראש ישיבה שליט"א האט געזען אמאל ווי צוויי קינדער לאכן פון א איד וואס איז נעבעך נישט געזונט, ערליידט רחמנא ליצלן אויף א מחלה אז זיין קאפ שאקלט זיך אהין און אהער, איז דער ראש ישיבה שליט"א צוגעקומען צו זיי און געזאגט: "דו ווילסט האבן חן? - און דער ראש ישיבה שליט"א האט זיי מסביר געווען וואס איז דאס 'חן' - חן מיינט דאס וואס מען זעט אסאך מאל אין חדר אז א אינגל האט א חן,

מען האט ליב צו קוקן אויף אים; דאס באקומט מען אז מען לאכט נישט אויס אן אנדערער מענטש".

כא) אין אנהויב ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט געעפענט די הייליגע ישיבה 'תפארת התורה ברסלב', האט א אינגערמאן געפרעגט דעם ראש ישיבה שליט"א צי מען וועט דארפן מאכן א 'דינער' צו שאפן געלט אויסצוהאלטן דעם ישיבה, האט דער ראש ישיבה שליט"א אים געענטפערט: "עס זענען דא מענטשן וואס ברענגען געלט פון זייער אייגענעם ווילן, ווייל זיי ווילן פאררעכטן זייער שלעכטן עבר דורכ'ן ארויסהעלפן א ישיבה וואס איז מקרב אידישע קינדער צום אייבערשטן[א].

דער ראש ישיבה שליט"א האט זיך אויסגעדריקט: "זייט די וועלט שטייט איז נאך נישט געווען אזא 'קירוב' וואס מיר טוען אין ישיבה, ווי מען ברענגט צוריק אידישע קינדער פון די ווייטסטע פלעצער; ברוך השם קיינער פון מיינע תלמידים, וואס האבן געלערנט ביי מיר, זענען נישט ארויס לתרבות הרעה (חוץ איין תלמיד וואס איז ליידער יא ארויס לתרבות הרעה לא עלינו - ער האט אבער נישט געלערנט ביי מיר נאר גאר א קורצע צייט)".

כב) דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט פאר א בחור וואס האט געענדיגט גאנץ מסכת נדרים, ער זאל דערנאך לערנען רמב"ם הלכות נדרים, אזוי ווי דער סאטמאר'ער רבי זכותו יגן עלינו שרייבט אין זיין ספר ויואל משה (מאמר לשון הקודש סימן ל"ו) אז ווען מען לערנט גמרא זאל מען אויך לערנען די הלכה למעשה ווי אזוי מען פסק'נט.

[א] ווי דער רבי זאגט (ספר המידות, אות ניאוף, סימן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה - שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי-אָדָם בִּתְשׁוּבָה", ווער עס וויל מתקן זיין וואס ער האט פוגם געווען אין פגם הברית, דער זאל עוסק זיין אין צוריק ברענגען מענטשן צו תשובה.

כג) מאנטאג לך תשע"ה האט דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט פאר די בחורים אין א שמועס, מוהרא"ש האט מיר אנגערופן זאגנדיג ער וויל מנדב זיין געלט די בית הדפוס זאל דערמיט דרוקן 5,000 ספרי אוצר הקדושה, דאס זאל זיין לזכות זיין ווייב זי זאל געזונט ווערן, האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "מוהרא"ש זאגט אלץ 'ווער עס דארף א ישועה זאל העלפן דרוקן די ספרים און ער וועט זען א ישועה', און דאס טוט מוהרא"ש אליינס ווען ער דארף א ישועה, ער דרוקט די ספרים".

כד) ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט געעפענט די ישיבה תפארת התורה ברסלב, האט מען אויסגעשפרייט פאשקעווילן און קונטרסים אנטקעגן דעם ראש ישיבה שליט"א; אין איינע פון די פאשקעווילן איז געשטאנען אויפ'ן קעפל "דרשת פתיחת הזמן" און מיט דעם האט מען מבזה געווען דעם ראש ישיבה שליט"א, האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "עס איז אמת אז איך האב געגעבן א דרשה פתיחת הזמן, אבער נישט די דרשה, מען האט געמאכט א נייע דרשה, מען האט ארויס גענומען יעדע פאר ווערטער פון די דרשה - איז געווארן א נייע דרשה".

כה) דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: "מען גיסט אן בחורים אין די ישיבות מיט טעפ פון מרה שחורה, מען רעדט צו זיי פון 'תאוות אכילה', נישט זינגען 'ניגונים' פון געוויסע זינגערס וכו'; נישט די זינגערס פירן אראפ די בחורים פון אידישן וועג נאר די וועג ווי אזוי מען איז זיי מחנך - דאס פירט זיי אוועק פון דעם אידישן וועג.

מען דארף רעדן צו די בחורים פון 'פשטות יהדות', פון אנטון תפילין; א בחור האט מיר דערציילט ער לערנט אין א ישיבה און דארט זענען דא בחורים וואס אין א טאג וואס עס איז נישט דא געהעריג ישיבה טוען זיי נישט אן קיין תפילין (די ישיבה איז באקאנט מיט איר גוטן נאמען...);

און דער ראש ישיבה שליט"א רופט זיך אן צו א בחור: "טו יעדן טאג אן תפילין, איינער וואס טוט נישט אן תפילין איז א פושעי ישראל, ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ראש השנה יז.): אז איינער וואס טוט נישט אן קיין תפילין איז א פושעי ישראל".

כו) דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: "א לימוד וואס איך לערן פאר אין ישיבה בלייבט איינגעקריצט אין מיין זכרון, דאס פארגעס איך נישט".

כז) דער ראש ישיבה שליט"א האט געשמועסט אמאל ביי א ברית: אסאך מענטשן גייען אוועק פונעם אייבערשטן צוליב דעם וואס זיי האבן 'קשיות', עס באדערט זיי דאס וואס שטייט אין שלחן ערוך (רמ"א יורה דעה סימן רס"ה, סעיף י"א) "דְּכָל סַנְדָּק הֲוֵי כְּמַקְטִיר קְטֹרֶת", דער סנדק איז אזוי ווי ער איז מקטיר קטרת, און די הייליגע חכמים זאגן דאך (יומא כו.) קטרת ברענגט עשירות, און פיל מאל זעט מען ווי דאס העלפט נישט, יענער ווערט נישט קיין עושר; האט דער ראש ישיבה שליט"א דערנאך צוגעלייגט, דער הייליגער חתם סופר ענטפערט שוין א תירוץ אויף דעם (שאלות ותשובות חתם סופר, אורח חיים חלק א', סימן קנ"ח) דער אייבערשטער טוישט אויף די עשירות, עס איז געווען באשערט יסורים פאר דעם מענטש צוליב זיינע עבירות, אנשטאט אים געבן עשירות טוישט מען דאס אויף צו אוועקנעמען די גזירה ער זאל נישט דארפן דורכגיין יסורים.

כח) דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אויף זיין משפחה: "איך וועל נאך מאכן די גאנצע משפחה זאלן לעבן מיט'ן רבי'ן; דער ראש ישיבה שליט"א האט אויסגערעכנט, דער איז שוין א ברסלב'ער, און דער איז באהאלטענערהייט א ברסלב'ער וכו'"; היינט צו טאגס איז דאס שוין כמעט מקויים געווארן, רוב משפחה לעבן שוין מיט די עצות פון

רבי'ן, זיי לערנען דעם רבי'נס ספרים וכו'.

כט) אסרו חג פסח שנת תש"ע האט דער ראש ישיבה שליט"א געעפענט די תלמוד תורה 'היכל הקודש ברסלב', דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: "דער הייליגער סאטמאר'ער רבי זכותו יגן עלינו האט אויך געעפענט זיין תלמוד תורה מיט געציילטע קינדער, מיט בלויז זעקס קינדער, און דאס איז גרויס געווארן, די זעלבע וועט זיין מיט אונזער תלמוד תורה עס וועט אויך אם ירצה השם גרויס ווערן, די מוסד האבן מיר געעפענט לשם שמים, אן קיין אייגענעם אינטערעסע".